דרך החיים ודרך המות

צווייא וועגע

—x—

דער וועג צום: לעבען אונד דער וועג צום טאדע

דען קינדערן ישראל

פארגעלעגט

פאן פרעדיגער י. מיהלענברוך

צווייטע אויפלאגע

בוקארעסט

דרוק אונד פערלאג דער מיססיאן

סטראדא אלטעני 37

1894

78

דרך החיים ודרך המות

צוויא וועגע

—x—

דער וועג צום לעבען אונד דער וועג צום טאדע

דען קינדערן ישראל

פארגעלעגט

פאן פרעדיגער י. מיהלענברוך

—○□○—

צווייטע אויפלאגע

בוקארעסט

דרוק אונד פערלאג דער מיססיאן

סטראדא אלטעני 37

1894

כה אמר יהוה הנני נותן לפניכם את דרך החיים ואת דרך המות
(ירמיה כ״א ח)

אזויא זאגט גאטט: זעהע, איך לעג אייך פאר דעם וועג צום לעבען אונד דעם וועג צום טאדט.
(ירמיה 21, 8)

גאטט זאלל אייך גריסען, איהר ליעבע איזראעליטען וועלכע, איהר דיעזע צייל‍ען אין דער האנד בעקאממט, גאטט זאלל אייך גריסען מיט זיין היילינען פריעדען! אין איך ריעף צו אייך פין דעם גרונד פין מיין הערץ שלום עליכם. דער שלום פין דעם לעבענדיגען גאטט, פין דעם גאטט אברהמ׳ס, יצחק׳ס אין יעקב׳ס זאלל בעהיטען אייערע הערצער אין אייערע נשמות צום עוויגען לעבען. איך בין נישט פאן געבורט איין איז-ראעליט, איך האב אבער דאך איינע גראססע ליעבע צו דעם יודישען פאלק אונד עס איזט מיין הערצליכער וואונש אונד געבעט צו גאטט אז ישראל זאלל זעליג ווערדען אונד עס זאלל באלד קוממען צום לעבענדיגען

גלויבען אין דעם **גאל צדק** אונד זאלל קעננען אויס-
רופען פון דעם הערצען, **ואני ידעתי גאלי חי,**
איך ווייס אז מיין ערלעזער לעבט.

וויר קריסטען זענען דיא יודען זעהר גראססען דאנק
שולדיג. דעם תנ"ך האבען מיר פון זייא בעקוממען, ער
איז פון יודישע הענד געשריעבען געווארען, פון הייליגע
מעננער גאטטעס געטריעבען פון דעם **רוח הקדש.**
אונזער ערלזער, דער **ישוע המשיח** האט אבגע-
שטאממט פון ישראל, ער איז געוועזען דער גראססער
בן דוד אין אזויא איז אויך געוועזען זיין טהייער בלוט
וואס ער האט פערגאססען פאר דיא זינד פון דער גאנ-
צען וועלט אין מיט וועלכעס ער האט ערלעזט דיא
מענשהייט, יודישעם בלוט. דאס נייע טעסטאמענט, דער
ברית חדשה איז אויך פון געבארענע יודען גע-
שריעבען געווארדען. דיא צוועלף אפאסטעל אין דער
אפאסטעל פויל זענען **באמת בני ישראל,**
וועלכע זענען געוועזען גלויביג אין דעם אמת'ן **משיח,**
אין דאנן אנגעקליידעט מיט קראפט פון דער הגוף, היי-
אויסגעצאגען צו פערקינדיגען דער גאנצען וועלט דיא
פרעהליכע באטשאפט פון דעם געקרייציגטען אבער
אויך אויפגעשטאנדענען **משיח,** אין דאמיט דיא יודען
אונד היידען דורך דיזע פרעהליכע באטשאפט צו

לעבענדיגען גלויבען אין דעם דרייא מאל הייליגען גאטט צו ברינגען.

דאס אללעס אונד נאך מעהר האבען מיר קריסטען דיע יודען צו פערדאנקען, אונד דיע ליעבע צום יודישען פאלק טרייבט מיך מיינע שטיממע דורך דיעזע צייל׳ען אויפצוהעבען, אין דיע פערלארנע אונד פערבלאנזעטע שאף פון דעם הויז ישראל דעם וועג צום לעבען אונד דער וועג צום טאדט פאר דיע אויגען צו האלטען. דיע ליעבע טרייבט מיך אונד פיעלע קריסטען קיין מאל נישט שטילל צו שווייגען, זאנדערן אייך אללע טאג גע-דענקען פאר גאטט דעם העררן, אז ירושלים זאלל באלד ווידער געזעטצט ווערדען צום לאב אויף דער ערדע. דיע ליעבע טרייבט אונז יעדען טאג אז מיר זאללען אויפהעבען אונזערע הערצער אים געבעט צו גאטט, אונד פיר דעם אבגעפאללענען אונד אויף אירעוועגע געקאממענען פאלק ישראל צו בעטען, אז עס זאלל זיך באלד בעקעהרען אין יהוה זיין גאטט, אונד זיין קעניג המשיח בן דוד זוכען זאלל, דענן ביז הייטע וואנ-דערט ישראל אהנע דעם לעבענדיגען גאטט הערום.

אבער, זאגט איהר, וואס רעדעסט דוא דענן? גלויבען מיר דענן ניכט אן יהוה אונד זענען מיר ניכט יודען אין אכטען טאג בעשניטטען? האבען מיר נישט דיע תורה נביאים וכתובים אונד ווערדען זייא ניכט געלעזען יעדען שבת אין דער שיהל? איך גיב צו, אז

איהר, ווענינסטענס דיע מייסטען פֿון אייך, גלויבט, או עס גיבט איין גאטט, דער שעפּפער פֿון דעם היממעל אונד דער ערדע, עס איז אבער נישט אמת, או דיזוער עווינע גאטט וואהנט אין אייער מיטטע אונד אין אייערע הערצער. עס איז אייך נישט אמת או איהר האלט זיינע הייליגע געבאטטע אין געהט אין זיין וועג. עס ניטצט אייך גאר נישט, דאסס איהר זענט פֿון געבורט יודען אין אייסערליך בעשניטען, עס ניטצט אייך גאר ניכט דאס איהר האט דיע תורה נביאים וכתובים, ווען איהר דאך נישט טהוט אין גלויבט, וואס דארין גע-שריעבען שטעהט, איהר קיממט געוויס אין גיהנם ווען איהר נישט אימקעהרט אין אייער הערץ בעשניי-דען לאסט אין באמת בני־ישראל ווערען. דער איז נישט איין יוד וועלכער אויסווענדיג איין יוד איז, אויך איז דאס נישט איינע בעשניידונג, וועלכע אויסווענ-דיג אים פֿלייש געשעהט, ואנדערן דער איז איין יוד, וועלכער איניווענדיג פֿערבארגען איז, אונד דיע בעשניי-דונג פֿון דעם הערץ איז איינע בעשניידונג, וועלכע גע-שעהט אין דעם גייסט אונד ניכט אין דעם בוכשטאבען, וועלכעס לאב איז נישט אויס מענשען, ואנדערן אויס גאטט. משה דער מאנן ג-ט טס׳ס, פֿאָרדערט אייך אויף אין דער תורה אונד זאגט. ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד איהר זאללט בעשניידען דיע אבערהויט פֿון אייערע הערצער

אין ואללט נישט זיין מעהר האלושטאריג" אין ווייטער זאגט משה "דער הערר דיין גאטט ווערט בעשניידען דיין הערץ אונד דאס הערץ פין דיין זאמען, אז דיא וואללסט ליעבען דעם הערר, דיין גאטט, פין דעם גאנצען הערצען אין פין דער גאנצען זעעלע, אז דיא וואללסט קעננען לעבען". דאס הערץ מוסס גערייניגט ווערדען פין יעדעם שקר, פין אללע זינד, בעזע ליסטען אונד בעגיערדען אין דיא מוססט אללע טאג בעטען: לב טהור ברא־לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי: אל־תשליכנו מלפניך ורוח קדשך אל־תקח ממני: "שאף אין מיר, גאטט איין ריין הערץ אין גיב מיר איין נייען געוויססען גייסט, ווארף מיך ניכט וועג פין דיין אנגעזיכט אונד דיין הייליגען גייסט וואללסט דוא פין מיר ניכט נעהמען.

עס זענען דא פיעלע וועגען נאך ראם, אבער נור איין וועג צום גיהנם, עס זענען דא פערשיעדענע וועגע וועלכע פיהרען צים אירדישען ירושלים אין דעם לאנד כנען, עס איז אבער נור דא איין וועג וואס פיהרט אין גן־עדן דאס הימלישע ירושלים. דרום איז עס וויכטיג, אז מיר זאללען ערקעננען, וועלכער וועג עס פיהרט אין גיהנם אונד וועלכער וועג אין הימעל. דער וועג וועלכער אין גיהנם פיהרט, איזט

ברייט, וועהר ברייט, אונד דיע טהיר איז גרויס, וועהר גרויס, עס איז דער וועג פֿון דעם **שכור** פֿון דעם **גנב** פֿון דער זינד, פֿון דיע ליסטען אונד בעגיערדען פֿון דעם פֿלייש, אונד פֿיעלע מענשען געהען אויף דעמזעלבען וועג איממער טיעפֿער אין דער גרעסטען פֿינסטערניסס ווא עס איז היילען אונד צעהנקלאפּפּען, אונד לויפֿען איממער שנעללער אונד שנעללער אין דעם פֿייעריגען פּפֿול, ווא דער וואורם שטארבט נישט אין דאס פֿייער נישט פֿערלעשט. דאגעגען איז דער וועג וואס פֿיהרט אין הימּמעל נור שמאל אבער הערליך, אונד דיע פּפֿארטע דאצו איז נור ענג אבער וואונדערשעהן אונד פּרעכטיג. דאס איז דער וועג פֿון **חסד ואמת**, פֿון ליעבע אונד וואהרהייט, אונד פֿון **שלום** פֿון פֿריעדען, אונד נור וועניגע מענשען פֿינדען דיעזען טהייערן וועג אונד נאך וועניגער בלייבען אויף דיעזעם וועג. דיעזער וועג איז מיט הימלישע טוגענדען געציערט אונד פֿיהרט אללע, דיע אויף איהם בלייבען, צום עוויגען לעבען, צו דער עוויגען פֿריידע אונד צו דער עוויגען הערליכקייט, אונד צוואר צו איינער זאלכען הערליכקייט, וועלכע דאס אויג פֿון איין מענש האט נאך קיינמאל נישט געזעהען אונד דאס אהר פֿון איין מענש קיינמאל געהערט, וועלכע גאטט האט בערייטעט צו יענע, וועלכע האבען איהם ליעב.

היער זינד צוויא וועגע פֿאר אייך, מיינע ליעבע

ישראַלים, דער דרך המות, דער וועג צום טאדט אונד דער דרך החיים דער וועג צום לעבען. דער דרך המות פיהרט אין גיהנם אונד דער דרך החיים ברינגט אונז געוויסס אין הימעל. וועהלט וועלכען איהר ווילט! דער איינע איז דער וועג פון דער שמאך פאן דער שאנדע פון דער זינד אונד פון דעם עלענד, אונד דער שרעקליכע סוף איז דער עוויגע טאדט. דער אנדערע וועג איז דער וועג פון כבוד פאר גאטט אונד מענשען. פון דעם עוויגען אונד בלייבענדען גליק, פון דעם פריעדען, פון דער פריידע אונד דער וואננע אונד זעליגקייט, אונד דער הערליכע סוף איז דאס עוויגע לעבען בייא יהוה אין דעם ליכט. היער האט איהר אויף דער איינען זייטע דען עוויגען טאדט, אונד אויף דער אנדערן זייטע דאס עוויגע לעבען. וועהלט אייך, וועלכעס איהר ווילט!

ווילט איהר אויף עוויג פערלארען געהען? ווילט איהר אויף עוויג פערשמאכטען אין גיהנם אונד אומ-קוממען אין דער העללישען פיין? וועגן אזויא, זא בלייבט אויף אייערעם ביזהעריגען וועג פון דער זינד. טהוט אויך ווייטער אייך וועלצען אין שמוטץ פון אללערלייא אונ-ריינ.י.קייט אונד אונגערעכטיגקייט, טהוט זאויך ווייטער שטעהלען, בעטריגען, איבערוועטצען אונד איין שקר נאך דעם אנדערן זאגען. דער טאדט וועט אייך דאנן

שנעלל געגוג איבעראייל‌ען, אונד דער גערעכטע ריכ-
טער, דער ריכטער פון דער גאנצען וועלט וועט אייך
דאנן פערשטאססען אונד פערדאממען אויף עוויג. דער
עוויגע טאדט אין דעם גיהנם וועט זיין אייער גערעכ-
טער שכר. בעדענקט דאס אונד נימט אייך צום הערץ,
אז עס איז שרעקליך צו פאללען אין דיא הענד פון דעם
לעבענדיגען גאטט אלס זינדער, **כי יהוה אלהיך**
אש אכלה הוא אל קנא. דען דער הערר
דיין גאטט איז איין פערצעהרענד פייער אונד איין איי-
פריגער גאטט.

ווילט איהר אבער עוויג גליקליך אונד עוויג זעעליג
ווערדען? ווילט איהר ערבען **עולם הבא** אונד
לעבען **עד־עולם** אין דער הערליכקייט פון גאטט?
ווענן אזויא, זא קעהרט אייך אום פון אייערע בעזע אונד
פערקעהרטע וועגע, לאסט וועג דאס בעזע, הענגט אן
דעם גוטען אונד טהוט תשובה פאן דעם גאנצען הערץ
צו דעם לעבענדיגען גאטט, אונד איהר וועט האבען
עוויגעס לעבען, פריידע אונד וואננע.

אזויא לאנג איהר וועט בלייבען אין אייער אונבע-
קעהרטען צושטאנד, קאנן גאטט אייערע געבעטע, וועל-
כע זענען נור איין פלאפפערן פון אייערע ליפפען ניכט
דערהערען, ווענן איהר אויך נאך זא אפט דיא הענד צו
יהוה אויסשטרעקט אונד פיעל בעטעט, אונד פיעל

שרייט אונד אייך ביים געבעט פיעל שאקעלט, זא הערט ער אייך דאך נישט אונד האט דאך אייך זיין ריקען צו-געקעהרט, דענן אייערע הענד וענען אונריין אונד מיט אללערלייא זינד בעשמוטצט, יא וייא וענען פאלל מיט בלוט, דארום וואשט אונד רייניגט אייך אונד לאסט וועג דיע שלעכטע זאכען פין אייך אונד טהוט תשובה פאן דעם הערצען, אויף דאס דער עוויגע, דער לעבענ-דיגע, וועלכער איז אללייך הייליג, זאלל זיין פנים איבער אייך ווידער לייכטען לאססען קעננעז אונד אייך וויע-דער גנעדיג זיין קעננען.

אין דעם דריטטען קאפיטעל פין הושע לעזען וויר „דיע קינדער יזראעלס וועלען לאנגע צייט זיין, אהנע קעניג אהנע פירסט, אהנע אלטאר, אהנע לייבראק אונד אהנע הייליגטהום. דארנאך ווערדען זיך דיע קינדער ישראל בעקעהרען אונד יהוה איהרען גאטט, אונד איהרען קעניג דוד זוכען, אונד ווערדען יהוה אונד זיינע גנאדע עהרען אין דער לעטצטען צייט". וענען אייך דיעזע ווער-טער בעקאננט אונד האט איהר זיע שאן איינמאל גע-לעזען? וענן ניכט, זא נימםט דען תנ"ך אונד לעזט דאס דריטטע קאפיטעל פין הושע עטליכע מאל מיט כונה דורך, זאללט איהר קיין תנ"ך אין אייער הויז האבען, זא געהט דאך גלייך אונד קויפט אייך איינען, דענן עס איזט איינע שאנדע פיר יעדען איזראעליטען, וועלכער דאס ווארט גאטטעס ניכט האט אונד ניכט לעזט. אלזא לעזט

דאס ערוועהנטע קאפיטעל איינמאל איפמערקזאם דורך, אונד איהר וועט פינדען אז דער פראפעט רעדעט פון דער צייט, אין וועלכער איהר יעטצט לעבט. איהר בעפינדעט אייך אין גלות אונד וועכט שאן מעהר אלס 1800 יאהר אויס כנען פערטריעבען, פון אייער אייגען לאנד, וואס גאטט אייערן אבות צום עוויגען אייגענטהום געשווארען האט, אונד האט אייך אין אללע פינף וועלט-טהיילע צערשטרייט. קיין פאלק האט אייך ליעב אונד מען נימט אייך אללע רעכטע וועג. איבעראלל וויל מען אייך לאז זיין אונד דער נאמע יוד איז איין ביי-ווארט אדער שימפפווארט געווארדען. מאן פעראכטעט אייך, מאן פערהעהנט אייך, מאן פערשפאטטעט אייך, מאן פערפאלגט אייך. איהר וועגט אונד בלייבט איממער פרעמדע אין איין פרעמד לאנד, אהנע קעניג, אהנע פירסט, אהנע פריסטער, אהנע אפפער אונד אויך אהנע הייליגטהום. אזויא אויך האבט איהר קיינע ימים טובים, איהר פייערט וויא וועניגסטענס נישט וויע איהר וויא פייערן מיססט. אייער פסח אייער שבועות, אייער ראש השנה אייער יום כפור אונד אייער סכות וועגען נור עללענדע שאטטענבילדער אונד געמיינע צערבילדער פון יענע הערליכע, שעהנע ימים טובים, וויע אזויא וויא וועגען איינסט געפייערט ווארדען אין ירושלים. נון מיינע ליעבע פריינד, לעגט דיע האנד אויף דעם הערץ, אונד זאגט אב איך האב נישט רעכט

ווענן איך בעהויפּטע, אז דאס איינמאל זא בליהענדע אונד געזעגנעטע פאלק ישראל יעטצט אהנע דעם לע-בענדיגען גאטט, אלזא גאטטלאז, דאס הייסט לאז פֿין גאטט אין דער וועלט הערומאיררט אונד אונשטעט אונד פליכטיג, אהנע ראסט אונד אהנע רוהע הערומ-וואנדעלט. יא עס איז אמת אונד איינע טרויריגע טהאט-זאכע, וועלכע ניכט צו לייגנען איז. דאס הערץ בלוטעט אונד טהוט איינעם וועה, ווענן מאן דאס ארמע פאלק ישראל אין דיעזער עלענדען טראסטלאזען לאגע בע-טראכטעט, וועלך איין יאממער אונד וועלך איין וועה טריפפט אונזער אויג דא, אך, דאס זיך גאטט ערבארמע אונד זיין אויסערוועהלטעס פאלק אין גנאדע אננעהמען מעכטע!

דיעזער יאממערפאללע צושטאנד ישראל'ס ווערט אבער נישט אימער זא בלייבען, דער פראפעט הושע זאגט, "דערנאך ווערדען זיך דיע קינדער ישראל בע-קעהרען, אונד יהוה איהר גאטט אונד איהר קעניג דוד זוכען, אונד ווערדען יהוה אונד זיינע גנאדע עהרען אין דער לעטצטען צייט". עס ווירד אלזא דיע צייט קומען, ווענן דיע קינדער ישראל ווערדען טהון תשובה, אונד דאמאלס ווערט דאס אונגליק זיך ווענדען אונד זייא ווערדען ווידער גאטטעס קינדער הייסען, אונד גאטט ווערט זיין איהר ליעבער פאטער. דער גראסע יאממער אונד דאס הימעלשרייענדע עלענד ווערדען דאמאלס אויפהערען אונד ווערט ווערדען פערוואנדעלט אין גליק

אונד פריידע. דיע קינדער ישראל ווערדען דאמאלס גאטט לאבען אונד פרייזען מיט נייע צונגען. עס הענגט אלזא אב פון אייך, אייער גליק ליעגט אין אייערע אייגענע הענד. ווענט איהר תשובה טהון, זא ווענט עס בעססער מיט אייך. בלייבט איהר אבער אין אייער זינד אין פערהארט אין אייער גאטטלאזען צושטאנד, זא ווענט דאס עלענד נאך גרעססער ווערדען אונד גאטטעס צוכט-רוטטע נאך הארטער. דארום מיינע ליעבע פריינד דערמאנט אייך, העבט אייך אויף, קאממט, זעהעט אונד שמעקעט וויע פריינדליך יהוה איזט, אונד וויע גוט ער עס מיט אייך מיינט. פערהאררעט קיין מינוט לענ-גער אין אייער זינד, זאנדערן איהר זאללט נאך הייטע אבטרעטען פון דעם דרך המות וועלכער האט אייך געפיהרט אין דעם גלות, האט אייך געבראכט אין גראס-סע נאטה אונד עלענד, אונד וועלכער ווענט אייך ענדליך פיהרען אין גיהנם, ווא דער ווארם שטארבט נישט אונד דאס פייער לעשט נישט אוים.

קיין מענש ברויכט אין גיהנם צו פאהרען וועגן ער נישט זעלבסט וויללט. גאטט דער אללמעכטיגער האט איין אייזוועג געפינען, אז יעדער קאנן זעליג ווערדען, וועגן ער וויללט. דער פערהייסענער משיח אונזער גאל צדק איז שאן געקוממען אונד האט אונז ערלעזט פון אללע זינד, פון דעם טאדט אונד פון דער געוואלט דעם טייפעלס, זא אז אללע, וועלכע גלויבען אן איהם ניכט פערלארען ווערדען, זאנדערן האבען דאס עוויגע

לעבען. אברהם האט גאטט געגלויבט אונד זיין גלויבע איז איהם גערעכנעט ווארדען צו גערעכטיגקייט. ווער עס גלויבט, דער איז גערעכט, אונד ווער ניכט גלויבט דער ווירד פערדאמט ווערדען. מערקט אייך דאס!

פאן נאטור זענען מיר אללע, אהנע אויסנאהמע, אויך דוא ליעבער לעזער, ארמע, שוואכע, זינדיגע מענשענ-קינדער, וועלכע גאטטעס צארן אונד שטראפע ווארל פערדיענט האבען. פאן נאטור זענען מיר אללע, אויך דוא ליעבער לעזער, וויא דיא אונרייגען אונד פאן דער פוססואהלע ביז צום שייטעל פאללער זינדען. אין זינד זענען מיר עמפפאנגען אונד געבארען. אונזערע אייגענע גערעכטיגקייט איז וויא איין אימפלעטיגעס אונד בע-שמוטצטעס קלייד. ניכטס, גאר ניכטס גוטעס איזט אן אונז צו פינדען; דעסהאלב זענען מיר אללע, אהנע אויס-נאהמע, אויך דוא ליעבער לעזער, דיענער פין דער זינדע אונד סקלאווען פין דעם סאטאן. פאן דיעזער קנעכט-שאפט דער זינדע אונד פין דיעזער סקלאווערייא דעס סאטאנס זאלל אונז דער גאל צדק בעפרייען. דרום איז ער פין גאטט פערהייסען אונד אויך געשיקט וואר-דען זיינע הייליגקייט אונד גערעכטיגקייט זאלל אויף אונז איבערטראגען ווערען, אונד דעסהאלב ריפט איהן ירמיה יהוה צדקנו דאס הייסט, הערר, דער אונזע-רע גערעכטיגקייט איז. ער זאלל אויף זיך נעהמען אונד פיר אונז טראגען אונד ביססען אללע אינזערע זינדי, איבערטרעטונגען אונד אונגערעכטיגקייטען, וויא עס שטעהט אין דעם 53-טען קאפיטעל פין ישעיה הנביא,

"פירוואהר ער האט געטראגען אונזערע קראנקהייט, אונד האט אויף זיך געלאדען אונזערע שמערצען, מיר אבער האבען איהן געהאלטען פיר דעם, וועלכער פין גאטט געשלאגען אונד געמארטערט ווערע. אבער ער איז אום אונזערער זינד וויללען צערשלאגען, דיע שטראף ליעגט אייף איהם, אויף דאס וויר זאללען האבען פריע-דען, אונד דורך זיינע וואונדען זענען מיר געהיילט".

דיעזער גאל צדק איז אונזער האכגעלאבטער הערר ישוע המשיח בן־דוד, אונד איך בעציי-גע אייך, איהר ליעבע איזראעליטען, היערדורך דיע פעסטע וואהרהייט, אז אין קיינעם אנדערן איז צו פינדען הייל אונד ערלעזונג, אונד דאסס אויך קיין אנדערער נאמע דיע מענשען געגעבען איז, דארינען מיר זאללען זעליג ווערדען, אלס אלליין דער נאמע פין אונזערעם העררן ישוע כריסטוס! ליעבער לעזער ערגרייפע איהן אים רעכטען גלויבען אונד דוא ווירסט ערבען דאס עוויגע לעבען. ביטטע דעם גאטט אברהמ'ס, יצחק'ס אונד יעקב'ס אום וויזהייט אונד פערשטאנד, אונד איך בין איבערצייגט, אויך דוא ווירסט קאממען צור ער-קעננטניסס פין דער וואהרהייט אונד פרעהליך אויס-רופען, "ישוע המשיח איז מיין גאל צדק ער איז מיין הערר. אונד מיין גאטט". ווענן דוא דאס פאן הערצען זאגען קאננסט, דאנן ביזט דוא אויף דעם דרך החיים, דענן ישוע המשיח איז דער וועג, דיע וואהרהייט אונד דאס לעבען. אמן.